**מיוחד**
**עניני ראש השנה**

בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

**שיחות התחזקות בעבודת השם**
*ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע*
**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל**
**מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים**

**~ אידיש ~**

קונטרס מ"ו, כי תצא תשע"ט

# תוכן השיעור

'שלא כסדר'
'מדת ימי'
'הארץ ומלואה'
'החכמה תחיה'
'ועוד מעט'
'המתן'
'שמן אפרסמון'
'כל לבב דוי'
'הסוד הנעלם'
'פי שניים'
"דער שמש אליין שלאפט"...
'כתפלת זקן ורגיל ופרקו נאה'
'פיפיות שלוחי עמך בית ישראל'
'עומדים צפופים'
'טוב עין'
'איש בל יעדר'
'מכריע את כל העולם'
'טוב שכן קרוב'

להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 46**

©
כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**
יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

בס"ד

# פרשת כי תצא, תשל"ד

## - שיעור בספה"ק ליקו"מ תניינא תורה פ"ב -

(טייפ מס' 29#)

## 'שלא כסדר'

(באמצע שיעור בליקוטי מוהר"ן תניינא תו' פ"ב - כי תצא למלחמה: כִּי שְׁלֵמוּת שֶׁל כָּל הַדְּבָרִים אֵינוֹ אֶלָּא כְּשֶׁהֵם מְיֻחָדִים וּמְקֻשָּׁרִים בּוֹ יִתְבָּרַךְ ... נִמְצָא זֹאת הַבְּחִינָה מַלְכוּת - חַוָּה, כְּשֶׁהִיא מְקֻשֶּׁרֶת לָאָדָם, לִבְחִינַת מָ"ה, הַיְנוּ לְהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא, אֲזַי יֵשׁ לָהּ שְׁלֵמוּת ... וּמִי שֶׁמְּחַלֵּק בְּחִינַת חַוָּה מַלְכוּת לְעַצְמוֹ, שֶׁאוֹמֵר: אֲנָא אֶמְלֹךְ - בָּזֶה הוּא מְחַלֵּק וּמַפְרִיד אוֹתָהּ מֵהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא).

- - - א מענטש אז ער נעמט די מלכות פאר זיך - "אנא אמלוך"! פון דאנעט קומט אויס, אז "אנא אמלוך" איז פשט: אז איך קניפ נישט צו די אלע גשמיות צום אויבערשטן! דאס הייסט - אז איך וויל הנאה האבן פון דעם אליין! איז עס "אנא אמלוך"!

די הנהגה פון די וועלט הייסט "מלכות", אז איך נעם די "מלכות", וואס דאס איז "חוה", און קלעב זי צו "להשם" - איז "ומלואה" (- לה' הארץ ומלואה), ס'איז בשלימות, ס'איז דער שם הוי"ה במילוי אלפי"ן, ס'איז דא מ"ה, איז אלעם בשלימות![א]

אבער טאמער וויל איך אפטיילן פאר זיך, "אנא אמלוך", ליג איך אין א "שלא כסדר", און ס'גייט מיר "שלא כסדר"! זאגט דער רבי - זאל ער וויסן אז ער האט גאוה! "יעשה תשובה"!

דאס אליין איז א געוואלדיגע גאוה! נישט נאר א גשמיות'דיגע "גאוה" - (איז גאוה), נאר אפילו אז איך וויל הנאה האבן פון די גשמיות'ן אליין, אכילה, שתיה, אנדערע

---

[א] עיי"ש בלקו"מ בתו' פ"ב: ...וּמָ"ה הוּא אָדָם, כִּי לֵית אָדָם בְּלָא אָלֶף, הַיְנוּ הוי"ה בְּמִלּוּי אַלְפִין ... וְזֶהוּ (תְּהִלִּים כ"ד): "לַה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ" - כְּשֶׁהָאָרֶץ, הַיְנוּ בְּחִינַת חַוָּה מַלְכוּת מְקֻשֶּׁרֶת לַה', אֲזַי הוּא בִּמְלֹאוֹ וּבִשְׁלֵמוּת...

זאכן, אז איך וויל דערפון אליין הנאה האבן, איז אויב איך בין עם מקשר לה' - איז עם בשלימות, אז ס'איז אפגעריסן פונעם אויבערשטן - איז עם טאקע שלא כסדר, ער ליגט אין א שלא כסדר, ער האט נישט קיין שייכות מיט'ן כסדר! כסדר איז דאך דער "אדם"![ב]

❖

## 'מדת ימי'

ר' נתן האט דאך געזאגט, אז דעם רבי'נס ספר האט ער אנגערופן "חיי מוהר"ן", זיינער האט ער שוין אנגערופן 'ימי' (- ימי נתן), ס'איז נאר "טעג"![ג]

און מיר דארפן אנרופן 'רגעים', א רגע! די רגע וואס ער האט טאקע א התקשרות צום אויבערשטן - איז טאקע א בחינה פון "במלואו ובשלימות", אבער די רגע וואס ער וויל זיך אפטיילן, ער וויל האבן חיות פון זיך אליין, איז ער שוין אפגעריסן, ליגט ער אין א שלא כסדר, האט עס נישט קיין שלימות!

בשום אופן קען מען נישט האבן קיין חיות פאר זיך אליין, אויב מען איז זיך נישט מקשר לה' קען מען בשום אופן נישט! איי דו האסט א חיות? דער חיות איז פון שלא כסדר!

❖

דער רבי זאגט דא: ס'גייט איהם שלא כסדר, **'כשהולך לאדם שלא כסדר'**, שלא כסדר הייסט - אז ער איז אפגעריסן פונעם אויבערשטן, עס קען זיין בגשמיות גייט איהם יא גוט, ער האט א השפעה, עסן, טרינקען, געלט אסאך! א מענטשן גייט שלא כסדר - (הכוונה היא:) אז ס'גייט איהם נישט דער כסדר פון אידישקייט!

און אז ס'גייט נישט אין דעם כסדר, זאל ער וויסן אז ער טיילט אפ די חוה - די מלכות - פונעם אויבערשטן, און די הנהגה מאכט ער באזונדער, ער וויל האבן חיות פון די הנהגה אליין, "אנא אמלוך", ליגט ער אין א שלא כסדר!

---

[ב] עיי"ש בלקו"מ בתו' פ"ב.

[ג] עי' בהקדמת אמונת עתיך.

❖

דער רבי זאגט אין תורה נ"ד, אז מען היט דעם זכרון פון "עלמא דאתי" איז מען מקשר די צוויי שמות "ה' אלוקי"! ה' דאס איז דער שם הוי"ה, דאס איז דער עלמא דאתי, און אלוקי איז דאך אלקים - מלכות, דאס איז די וועלט (עולם הזה), איז די צוויי שמות דארפן האבן א קשר צוזאמען!

ווען? אז איך בין דא אין דער וועלט און מיין געדאנק - דער זכרון מיינער - איז אין עלמא דאתי, דעמאלטס קניפ איך צו, דעמאלטס בין איך מקשר די ביידע![ד]

❖

(ר' נחמן בורשטיין: דער גוי וואס איז געקומען צו שמאי "תלמדינו כל התורה כולה - על רגל אחת", איז דא א ווארט פון תלמידי הבעל שם: וואס דער גוי איז געווען משוגע? אלעס וועט ער איהם אויסלערנען "על רגל אחת"? נאר על רגל אחת מיינט - אז ער האט געזאגט "אן ירידות", ס'זאל איהם גיין אלץ כסדר! האט איהם שמאי געגעבן א שטופ "באמת הבנין" - דער "בנין העולם" קען נישט גיין אזוי, מען קען נישט, - א בנין מוז אזוי גיין! אז ער איז געקומען צו הלל, האט ער איהם געזאגט: יא! ואהבת לרעך כמוך - זאלסטו וויסן אז דו לעבסט נישט פאר דיר, דו לעבסט פאר'ן חבר, מוזסטו זיין אין א ירידה כדי דו זאלסט דעם חבר עפעס טוהן א טובה, מוז זיין שלא כסדר אויך!)

"חוה" איז לשון "דיבור", דאס איז די "מלכות", "יחוה דעת".[ה] און דאס וואס מיר זעהען אז לפעמים גייט א מענטשן שלא כסדר, "**כי שלימות של כל הדברים** - זאגט דער רבי - **אינו אלא כשהם מיוחדים ומקושרים בו יתברך**"!

דאס איז א געוואלדיגע ידיעה! די שלימות פון יעדע זאך איז נישט - סיידן אז די זאך איז מקושר צום אויבערשטן! וואס איך טוה עפעס א זאך, מען רעדט נישט ביי תורה ותפילה - דארף מען אוודאי זיין מקושר צום אויבערשטן, נאר אפילו ביי גשמיות - וואס איך טוה א זאך - האט נישט די זאך קיין שלימות סיידן אז ס'איז מקושר צום אויבערשטן, און אז נישט - פעלט!

❖

---

[ד] עיי"ש בלקוטי מוהר"ן תו' נ"ד אות א'.

[ה] עיי"ש בלקו"מ בתו' פ"ב: ... וְחַוָּה לְשׁוֹן דִּבּוּר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים י"ט): "וְלַיְלָה לְלַיְלָה יְחַוֶּה דָּעַת", הַיְנוּ מַלְכוּת פֶּה, כִּי הַמַּלְכוּת נִקְרָא דִּבּוּר...

# 'הארץ ומלואה'

זאגט דער רבי אזוי: די "שלימות" און דער "מילוי" - דאס איז דאס חיות פון דער זאך![ו]

למשל בגשמיות, א נפטר - פעלט איהם דען אן אבר פון די איברים?! קיין איין אבר פעלט איהם נישט! נאר וואס דען, ער איז אָן חיות, ער האט נישט קיין חיות, דאס חיות פעלט איהם! דער גאנצער מענטש פעלט איהם בגשמיות גארנישט, אבער דאס איז נאך גארנישט, ווייל אז ס'פעלט דער חיות פון די זאך איז גארנישט!

דער רבי זאגט טאקע אין די תורה דארטן[ז] אז ס'איז "מיתת הלב" אויך, שכחה זאגט דער רבי איז מיתת הלב! ס'איז פארהאן מיתת הגוף, דער גוף איז געשטארבן, זעהט מען אז ס'איז א געשטארבענער גוף, אבער מיתת הלב - דער מענטש לעבט, נאר דער איז פארט געשטארבן, ווייל מען האט נישט דעם חיות!

און וואס איז דער חיות? דער חיות איז נאר דער אויבערשטער! "מה חיינו",[ח] אז איך בין זיך מקשר מיט יעדע זאך צום אויבערשטן, ביים עסן, ביי אלע זאכן, איז עס בשלימות ובמלואו, "לה' הארץ", "הארץ" איז "מלכות", דאס איז די וועלט! (- עולם הזה).

**עס שטייט טאקע אין זוהר הקדוש: "לה' הארץ ומלואה" - דא ארץ ישראל, "תבל ויושבי בה" - דא שאר ארצות![ט] "ארץ ישראל"!**

אז מען נעמט די "ארץ" און מען איז מקשר לה', דעמאלטס - זאגט דער רבי - איז "ומלואה", איז עס "במלואו ובשלימות".

❖

---

[ו] עיי"ש בלקו"מ בתו' פ"ב: ... כִּי הַשְּׁלֵמוּת וְהַמִּלּוּי הִיא הַחִיּוּת...

[ז] עיי"ש בלקוטי מוהר"ן תו' נ"ד אות א'.

[ח] עיי"ש בלקו"מ בתו' פ"ב: ...וְהַחִיּוּת הִיא הַמֹּחִין וְהַשֵּׂכֶל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וְהַחָכְמָה תְּחַיֶּה" וְכוּ', וְהַחָכְמָה הוּא בְּחִינַת מָה – כֹּ"חַ מָ"ה, מֶ"ה חַיֵּינוּ מַ"ה כֹּחֵנוּ...

[ט] עי' פרשת נח דף ס"ז ע"א.

וואס איז אינגאנצן דער חילוק פון א איש כשר - צו נישט א איש כשר? ס'איז א "ענין אחר לגמרי" האט דער רבי געזאגט![י]

וואס איז א "איש כשר"? אז וואס ער טוהט איז ער מקשר זיך צום אויבערשטן, דאס הייסט א איש כשר! און וואס הייסט נישט קיין איש כשר? ער עסט עסט ער, ער שלאפט - (בלי התקשרות להשי"ת).

דער רבי האט געזאגט: "מען מיינט ער גייט ארום (האיש הכשר), אבער ס'איז גאר א ענין אחר לגמרי"!

אין דעם "פועל" ממש - איז דאך גארנישט ניכר דער חילוק פון דעם ביז דעם, נאר די "פנימיות החיות" - דאס ווייסט נאר דער בורא עולם אליין!

איך זעה נישט קיין שום חילוק פון דעם ביז דעם, דער עסט - און דער עסט, און אזוי אלע זאכן, דער טוהט און דער טוהט, נאר ביי איהם איז מיט חיות - ווייל ס'איז מקושר צום אויבערשטן, און ביי איהם איז עס אָן חיות!

❖

# 'החכמה תחיה'

אינגאנצן דעם רבי'נס זאך איז געווען אז מען איז זיך מיישב! "פארוואס איז מען ווייט פונעם אויבערשטן? ווייל מען איז זיך נישט מיישב"![יא]

אז מען איז זיך נישט מיישב, מאך איך נישט פון די אלע זאכן א התקשרות צום אויבערשטן, דערפאר איז מען ווייט פונעם אויבערשטן!

דער שלימות - דער מילוי - דאס איז דאס חיות פון די זאך! א אבר, אז דאס חיות איז נישטא - הייסט עס א חסרון![יב]

---

[י] עי' שיחות הר"ן אות י"ד; אֲנִי מְקַנֵּא מְאֹד אִישׁ כָּשֵׁר (שֶׁקּוֹרִין עֶרְלִיכֶר יְהוּדִי), כִּי נִדְמֶה שֶׁהוֹלֵךְ בֶּן אָדָם עִם דַּקִּין וְכַרְכָּשׁוֹת וְאֵבָרִים כִּשְׁאָר כָּל הָעוֹלָם, וְאַף־עַל־פִּי־כֵן בֶּאֱמֶת הוּא עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי ... ועי' גם ליקוטי מוהר"ן בשיחות שבסוף הספר סי' קט"ז...

[יא] עי' ליקו"מ תניינא תו' י': מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם 'יִשּׁוּב הַדַּעַת' ...

[יב] עיי"ש בלקו"מ בתו' פ"ב: ... כִּי אֵיבָר שֶׁנִּסְתַּלֵּק מִמֶּנּוּ הַחִיּוּת, אֲזַי נִקְרָא חִסָּרוֹן ...

און דער עיקר חיות איז דער מח און דער שכל, "החכמה תחיה", דאס איז דער עיקר חיות, און חכמה מאכט "כח מה", "מה חיינו" - דער עיקר אונזער חיות איז נאר דער מ"ה, "מה" איז דער שם הוי"ה במילוי אלפין, עס באטרעפט מ"ה, דאס אינגאנצן איז אונזער חיות![יג]

ווען מען וויל, איז גארנישט אזוי פיל שווער אויך! דער בעל דבר מאכט די זאך שווער, "ווי קען זיין אין דער וועלט אז מיט יעדע זאך זאלן מיר האבן א התקשרות צום אויבערשטן"?! נאר מיט דעם אמת, ס'איז גארנישט אזוי פיל שווער אויך![יד] ווארום די גרינגסטע ארבעט וואס מען ארבעט בגשמיות אין פרנסה וועגן, איז שווערער ווי די זאך - מען זאל זיך מקשר זיין צום אויבערשטן בשעת - (עניני היתר)!

ס'איז גארנישט אזוי פיל שווער אויך, זיך מקשר זיין בשעת די זאך - און בעטן דעם אויבערשטן פריער און נאכדעם! ס'איז אן "עבודה", אבער אזוי פיל שווער וואס מענטשן ווערן אויסגעריסן - בעלי פרנסה, ס'איז דאך א געוואלד, מען זאל אזוי פיל כוחות אוועקגעבן בשעת מען דארף טוהן! (עניני היתר).

❖

# 'ועוד מעט'

'ועוד מעט'[טו] - טייטשן אונזערע לייט, טאקע אויף דער תורה, "ווארט צו אביסעלע", דו ווילסט עסן - ווארט אביסעלע, מיט א התקשרות צום אויבערשטן! דו ווילסט א שתיה, מיט א התקשרות צום אויבערשטן! און די אנדערע זאכן וואס דו ווילסט טוהן, איז שוין "ואין רשע", וועסטו שוין נישט זיין קיין רשע! ביסטו שוין נישט דער, ס'איז שוין גארנישט דער וואס פריער!

---

[יג] עי' כ"ז בלקו"מ שם.

[יד] עי' חיי מוהר"ן אות תקנ"ח; שָׁמַעְנוּ פַּעַם אַחַת מִשִּׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים, שֶׁאָמַר בְּפִיו הַקָּדוֹשׁ, שֶׁהָעֲבוֹדָה הַגְּדוֹלָה שֶׁבַּגְּדוֹלוֹת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, קַלָּה בְּיוֹתֵר לַעֲשׂוֹת מֵעֵסֶק קִנְיָן שֶׁמַּטְרִיחִין עַצְמָן בִּשְׁבִיל פַּרְנָסָה וְעִסְקֵי הָעוֹלָם הַזֶּה... (הוּבָא בְּלִקּוּטֵי הֲלָכוֹת הִלְכוֹת תְּפִלַּת עַרְבִית הֲלָכָה ד' אוֹת ז)....

[טו] תהלים ל"ז י'.

עס איז דא א זוהר,[טז] שטייט דארט, "רבי ייסא סבא", מען האט איהם שוין געגרייט דעם טיש צום עסן, האט ער געבעטן דעם אויבערשטן, "גיב מיר", און ער האט אביסל צוגעווארט! נו, "איצטער האט מען מיר שוין געגעבן"! אזוי האט ער געזאגט, עס שטייט אין זוהר הקדוש.

מען בעט דעם אויבערשטן פריער, מען איז זיך מקשר, מעןווארט אביסל צו, איצטער האט מען מיר שוין געגעבן, איצטער איז עס שוין מיינס!

אינגאנצן דאס התקשרות צום צדיק איז אויך נאר "אביסעלע", א התקשרות - אביסעלע, און דאס ביסעלע איז "ואיננו"[יז], איך בין גארנישט אין דאס ארט פון פריער, גאר אן אנדערער מענטש, א אנדער עסן, און א אנדער טרינקען!

(אחד הנוכחים: דאס איז געווען ביי ר' אברהם בער'ניו, ביי יעדן לעפל אויפגעהויבן די אויגן צום אויבערשטן!) יא יא!

❖

מען רעדט דאך אזוי בכלל, אויף יעדע זאך, דער רבי האט געזאגט, "וואס די וועלט איז ווייט פון השי"ת, איז ווייל מען האט נישט קיין ישוב הדעת"![יח]

אה, דאס איז ביי יעדע זאך: האבן ישוב הדעת! יעדע זאך וואס מען דארף טוהן זאל זיין מיט ישוב הדעת, דערפון ווערט ער א איש כשר, וואס ער טוט א זאך איז מיט ישוב הדעת!

ווייל אויב נישט ישוב הדעת, א בהמה עסט - אלעס האט א בהמה אויך, מען זאגט דאך אינדערפרי: "ומותר האדם מן הבהמה אין", נאר וואס דען? "לבד הנשמה הטהורה"! מיר האבן א "נשמה הטהורה", מער נישט! אויב נישט די נשמה הטהורה וואס ביי אונז איז דא, איז דאך "ומותר האדם מן הבהמה אין", וואס איז א נפקא מינה פון א מענטש צו א בהמה? "כי הכל הבל", נאר "לבד הנשמה הטהורה", ביי אונז איז דא די "נשמה הטהורה שהיא עתידה ליתן דין וחשבון", דאס איז ביי אונז דא, דאס איז דער גאנצער חילוק פון אונז ביז א בהמה!

---

[טז] פרשת מקץ דף קצ"ט ע"ב.

[יז] המשך פסוק הנ"ל תהלים ל"ז י': "ועוד מעט ואין רשע והתבוננת על מקומו ואיננו".

[יח] עי' ליקו"מ תניינא תו' י', הובא לעיל.

דארף מען דאך דאס האבן אין געדאנק: אויב איך וועל נישט האבן דאס דאזיגע וואס דער רבי זאגט דא, מקשר זיין די מלכות - די הנהגה - צום אויבערשטן, איז וואס איז א חילוק פון א בהמה?!

❖

# 'המתן'

דאס האט מען פריער גערעדט, מען הייבט אן מקשר צו זיין, און ס'גייט דאך נישט? אז ער וויל נאר מקשר זיין - איז שוין מקוים ביי איהם "ער וויל קויפן אפרסמון,"[יט] ער וויל דאך מקשר זיין צום אויבערשטן יעדע זאך! דאס וויל ער - קויפן אפרסמון, אריינגיין אין קלייט אריין קויפן אפרסמון, זאגט מען איהם "ווארט צו, דו מיינסט אז מיט אמאל שוין וועסטו האבן"?! "ווארט צו"! אבער דו זאלסט נישט אויפהערן צו וועלן קויפן! דו "וויל ווייטער" קויפן, דו שטיי אין קלייט! איי מען זאגט דיר ווארטן? אבער איך שטיי אין קלייט! גייען - גיי איך נישט ארויס, איך שטיי אין קלייט און וויל דעם אפרסמון! "וויל" דעם אפרסמון!

דאס איז א געוואלדיגע "בקיאות", א מענטש וויל א זאך, און מען זאגט מיר "ווארט צו"! ווארט! "המתן", ווארט צו!

ר' נתן שרייבט א מכתב צום זוהן, "אז ער האט אסאך געווארט, און איצטער ווארט ער אויך"![כ]

דאס איז א ענין פון ווארטן אויף "כסדר", און ווער פילט דעם המתן? דער וואס וויל טאקע קויפן אפרסמון, דער פילט וואס דער רבי זאגט 'המתן'! ער וויל טאקע קויפן אפרסמון! נישט אפנארן זיך, ער וויל טאקע קויפן אפרסמון, אפרסמון איז דאך א ענין - "שמן משחת קודש"! דער רבי זאגט "מה חיינו"! כ"ח מ"ה - (חכמה, רומז על שמן).[כא]

---

[יט] עי' יומא ל"ח ע"ב, עי' ליקו"מ תו' ו' אות ב'.

[כ] עי' מכתב כ"ה: וְהִנֵּה אָנֹכִי בְּעָנְיִי כְּבָר הִמְתַּנְתִּי הַרְבֵּה הַרְבֵּה, וְעֵינֵינוּ כָּלוֹת כָּל הַיּוֹם, לִישׁוּעָתוֹ הָאֲמִתִּיּוֹת. וּכְבָר רָאִיתִי יְשׁוּעוֹת ה' הַרְבֵּה בְּלִי שִׁעוּר, אַךְ אַף עַל פִּי כֵן בַּמֶּה שֶׁעֲדַיִן לֹא נוֹשַׁעְתִּי אֲנִי מַמְתִּין עֲדַיִן עֲדַיִן, עַד יַשְׁקִיף וְיֵרֶא ה' מִשָּׁמַיִם.

[כא] עיי"ש בתו' פ"ב תניינא.

❖

**דער רבי האט געזאגט, אז ביים עסן, "עסן מיט דרך ארץ אזוי ווי ס'זיצט א גדול ביים טיש"![כב]**

**האט דער רבי פשוט געהאלטן, אז ביים עסן זאל זיין מיט א דרך ארץ, אזוי ווי ס'זיצט א גדול ביים טיש, וועל איך דאך דעמאלטס - דער עסן אליין אז איך וועל עסן וועט האבן עפעס א מין יראה, ס'זיצט א גדול, א צדיק, א גדול זיצט ביים טיש, וועל איך שוין עסן מיט א אנדערן דרך ארץ!**

**איז דאך דאס געווען ביים רבי'ן די ערשטע זאך, איז דאך אין אלע ענינים אזוי, דער ענין פון דרך ארץ דאס איז דער ענין פון "ישוב הדעת", דאס איז א "המתנה"! דאס איז דער "ווארטן", ווארט צו! ווארט צו! ווארט צו! לויף נישט שוין, ווארט צו אביסל!**

**און אפילו ער איז נאכנישט זוכה צו קויפן דעם אפרסמון, אבער ער ווארט, און מיט דעם ווארטן אליין מאכט ער שוין גוט! ווייל ער ווארט!**

**נאר וואס דען, אין דעם המשך הזמן ביז ער וועט האבן אפרסמון, זאל מען נישט אויפהערן צו וועלן קויפן! ווייל א מענטש אז מען גיבט איהם נישט, הערט ער אויף צו וועלן קויפן, מען גיבט דאך מיר נישט, מען וויל מיר נישט פארקויפן! ניין! מען וויל דיר יא פארקויפן! נאר מען זאגט דו זאלסט ווארטן!**

**די אלע גדולים, צדיקים, אונזערע לייט - די אנשים כשרים, איז אלץ דערפאר ווייל זיי האבן געווארט, זיי האבן געווארט און זיי האבן זיך דערווארט![כג]**

**ס'קען זיין אמאל - דער רבי זאגט טאקע - ס'קען זיין א מענטש זאל ווארטן אלע יארן, און דארט (למעלה) נאכדעם וועט מען איהם ווייזן, זעהסט האסט געווארט?**

---

[כב] עי' חיי מוהר"ן אות תקט"ו; הִזְהִיר שֶׁלֹּא לֶאֱכֹל בְּהַלְעָטָה הַיְנוּ בִּמְהִירוּת כְּדֶרֶךְ גַּרְגְּרָן, כִּי זֶהוּ בְּחִינַת "הַלְעִיטֵנִי נָא", רַק לְהַרְגִּיל עַצְמוֹ לֶאֱכֹל בְּמְתִינוּת בְּיִשּׁוּב הַדַּעַת וּבְדֶרֶךְ אֶרֶץ, כְּדֶרֶךְ שֶׁאוֹכְלִין בְּדֶרֶךְ אֶרֶץ כְּשֶׁיּוֹשֵׁב אָדָם חָשׁוּב עַל הַשֻּׁלְחָן, כָּךְ יֹאכַל תָּמִיד אֲפִלּוּ כְּשֶׁאוֹכֵל לְבַדּוֹ.

[כג] עי' תו' מ"ח תניינא: ...וְכָל הַנַּ"ל עָבַר עַל כָּל הַצַּדִּיקִים, כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְנוּ מִפִּיהֶם בְּפֵרוּשׁ, שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֵין מִסְתַּכֵּל וּפוֹנֶה אֲלֵיהֶם כְּלָל, מֵחֲמַת שֶׁרָאוּ שֶׁזֶּה זְמַן רַב שֶׁהֵם מְבַקְשִׁים וִיגֵעִים וְעוֹשִׂים וְעוֹבְדִים עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וַעֲדַיִן הֵם רְחוֹקִים מְאֹד מְאֹד, וְאִלּוּ לֹא הָיוּ מְחַזְּקִים עַצְמָן מְאֹד לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עַל זֶה הָיוּ נִשְׁאָרִים בִּמְקוֹמָם הָרִאשׁוֹן וְלֹא הָיוּ זוֹכִים לְמַה שֶּׁזָּכוּ... גם עיי"ש תו' ק"א, ועוד. ועי' ביאור הליקוטים על תו' ב' אות א'.

**האסט זיך דערוואַרט! און דא זאל מען איהם נישט ווייזן כל ימי חייו![כד] אבער על פי רוב זעהט ער דא אויך אז ער האט זיך דערוואַרט!**

❖

# 'שמן אפרסמון'

**און דאס אליין וואס ער וויל נאר אריינגיין, ער וויל נאר קויפן אפרסמון, דאס איז שוין א גוטע זאך! אפילו ער האט נאך נישט געקויפט, אז ער וויל נאר קויפן, נאר ער וויל נאר, ער איז נאר דא אין קלייט!**

**וואס הייסט איינער ער וויל קויפן אפרסמון? ער גייט אריין אין קלייט אריין! ער וועט שטיין אינדערהיים? ער גייט דאך אריין אין קלייט אריין, ער וויל קויפן, וואו זאג איך איהם ווארט צו? ער איז דא אין קלייט און ער וויל קויפן, זאג איך איהם "ווארט צו", איז ער דאך יא דא אין קלייט, אה - און איך זאג איהם "ווארט צו", "גיי נישט ארויס פון די קלייט"! איך זאג דאך איהם נישט "גיי אהין", "איך וועל דיך שיקן אהין", ניין - "ווארט צו", איז דאך אויך פשט, זיי דא אין קלייט און ווארט צו, ביז איך וועל דיר** (געבן דעם אפרסמון).

**נו, דעם רבי'נס זאך איז "אפרסמון", עפעס א שמעקעדיגער שמן, "שמן משחת קודש"! די אפרסמון איז אזא מין זאך וואס שמעקט אומעטום, די אפרסמון - וואס איך טוה א זאך - אז איך האב דעם שמן שמעקט עס! ס'שמעקט די זאך, ביים עסן, טרינקען, די זאך שמעקט, ער גייט אריין אין אלעם דער ריח!**

**ברענגט טאקע דער רבי אין די תורה,[כה] "ריחא דחנוניתא אני מריח - טהרה יש בך", אז ס'שמעקט - דאס איז פון טהרה!**

**אז דער אויבערשטער העלפט, אז מען גייט צו צום רבי'נס זאך מיט אן אמת, איז טאקע דא עפעס א מין ריח טוב, א ריח טוב, שמעקט!**

---

[כד] שיחות הר"ן אות רמ"ד: **שָׁמַעְתִּי מֵאֶחָד מֵחֲשׁוּבֵי אֲנָשִׁים, אִישׁ כָּשֵׁר וִירֵא שָׁמַיִם וְעוֹבֵד אֶת הַשֵּׁם בֶּאֱמֶת, שֶׁאָמַר לוֹ רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁיֵּשׁ בְּנֵי אָדָם עוֹבְדֵי ה' שֶׁאֵין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַרְאֶה לָהֶם מַה שֶּׁפָּעֲלוּ כָּל יְמֵי חַיֵּיהֶם, רַק אַחַר מוֹתָם בָּעוֹלָם הַבָּא אָז יִרְאוּ מַה שֶּׁפָּעֲלוּ...** ועי' גם עלים לתרופה מכתב ע"א.

[כה] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ב' בסופו, עפ"י גמ' סוטה מ"ט ע"א.

❖

און דער רבי זאגט אין די תורה פון 'תקעו תוכחה',[כו] די לעצטע תורה וואס דער רבי האט געזאגט קודם הסתלקותו, דער רבי טייטש דארטן איין, דארט צום סוף, "למס עובד", דער רבי רעדט "למס" - די בשמים וואס מען איז ממסמס, בשמים וואס מען איז מער ממסמס גייט ארויס בעסער דער ריח, וואס מען רייבט די בשמים מער גייט ארויס דער ריח בעסער!

די זאך פונעם צדיק איז אזא מיני בשמים, וואס מען רייבט עס מער גייט ארויס! "למס עובד - זה בחינת משיח",[כז] "למס בחינת מסמוס, שממסמסין בדבר שיש לו ריח, כדי שיהיה הריח נודף", דאס טייטשט דער רבי, "למס" - א זאך וואס האט א ריח בין איך ממסמס די זאך, איך רייב עס, אזוי איז דער שטייגער פון בשמים, וואס מען רייבט עס מער גייט ארויס מער דער ריח טוב!

"למס עובד - משיח", מען נעמט צוזאמען דעם "שיר חדש", "למס" דאס איז מען "ממסמס", דאס איז דעם רבי'נס זאך, דעם רבי'נס זאך דארף מען אויך ממסמס זיין, דאס איז א ריח טוב, דארף מען עס ממסמס זיין, רייבן, מיט רעדן אסאך פון די זאך, און בעטן דעם אויבערשטן, דאס איז אלץ דער ענין פון "מסמוס", איך צורייב עס!

"רבי נתן" איז געווען דער למס! ער האט עס גוט צוריבן דעם רבי'נס זאך, ממסמס געווען, מיט אלע מיני לשונות, אין די בריוו, אין די תפילות, און גערעדט און

---

[כו] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ח' תניינא, אות י': וְזֶה בְּחִינַת: "וַיַּרְא מְנֻחָה כִּי טוֹב וְאֶת הָאָרֶץ כִּי נָעֵמָה, וַיֵּט שִׁכְמוֹ לִסְבֹּל, וַיְהִי לְמַס עֹבֵד" ... וְזֶהוּ: וַיְהִי לְמַס עוֹבֵד, זֶה בְּחִינַת מָשִׁיחַ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "בָּרוּךְ ה' אֲשֶׁר לֹא הִשְׁבִּית לָךְ גֹּאֵל וְכוּ' וַתִּקְרֶאנָה שְׁמוֹ עוֹבֵד". וְזֶה בְּחִינַת לְמַס, בְּחִינַת מִסְמוּס, שֶׁמְּמַסְמְסִין בְּדָבָר שֶׁיֵּשׁ לוֹ רֵיחַ, כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה הָרֵיחַ נוֹדֵף. כִּי עַל־יְדֵי בְּחִינוֹת הַנַּ"ל נִתְתַּקֵּן הָרֵיחַ, שֶׁהוּא בְּחִינַת מָשִׁיחַ כַּנַּ"ל...

[כז] עי' חיי מוהר"ן אות מ"ג: וְדַע אָחִי הַמְעַיֵּן שֶׁבְּעִנְיַן הַשִּׁיר חָדָשׁ שֶׁיִּתְעַר לֶעָתִיד הַמְבֹאָר בְּמַאֲמָר זֶה, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַקּוֹל הַמַּשְׁקֶה אֶת הַגַּן שֶׁשָּׁם גְּדֵלִים כָּל הָרֵיחוֹת וְהַיִּרְאוֹת, שֶׁזֶּה בְּחִינַת קוֹל הַמּוֹכִיחַ הָרָאוּי שֶׁמּוֹסִיף וְנוֹתֵן רֵיחַ טוֹב בְּנִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל הַשּׁוֹמְעִין תּוֹכַחְתּוֹ, שֶׁזֶּה בְּחִינַת מָשִׁיחַ, בְּחִינַת וַיְהִי לְמַס עוֹבֵד עַיֵּן שָׁם, יֵשׁ בְּכָל אֵלֶּה סוֹדוֹת עֲמֻקִּים וּגְבוֹהִים מְאֹד, סִתְרֵי נִסְתָּרוֹת רָזִין דְּרָזִין נוֹרָאִים מְאֹד כַּמּוּבָן מֵרְמָזָיו הַקְּדוֹשִׁים בְּשָׁעָה שֶׁהִזְכִּיר הַפָּסוּק: "בָּרוּךְ ה' אֲשֶׁר לֹא הִשְׁבִּית לָךְ גּוֹאֵל" וְכוּ'.

גערעדט, איז טאקע געווען - פון "למס" ווערט "עובד", ווערט "משיח'ן", "למס עובד"! (ר' נחמן בורשטיין: ער האט דאך צוטיילט די סחורה!).[כח]

מען האט איהם געגיבן א ליינען (א פארהער), אה - האט מען איהם געהייסן ווארטן! וואס הייסט ווארטן? בשעת'ן ווארטן האט מען איהם דערלאנגט אזוי, מיט בזיונות, רחמנא ליצלן וואס אויף איהם איז איבערגעגאנגען!

און רבי נתן האט געפילט אז דאס איז אלץ דער ווארטן, אז דאס הייסט מען איהם אלץ ווארטן, די אלע רדיפות'ן וואס ער האט געהאט - דאס איז אלץ כלול אין דעם ווארטן, וואס מען הייסט איהם ווארטן.[כט]

❖

# 'כל לבב דוי'

"אנא אמלוך" - איך וויל האבן חיות פון זיך אליין! ער איז נישט מקשר אלעם צום אויבערשטן, ער שיידט זיך אפ פון הקדוש ברוך הוא, איז דעמאלטס גייט איהם "שלא כסדר" - זאגט דער רבי - ווייל ער איז דאך אין א שלא כסדר, אז ער טיילט זיך אפ פונעם שם הוי"ה, איז ער דאך אין א "שלא כסדר", און דעמאלטס קען נישט זיין ס'זאל איהם גיין כסדר![ל]

**נאר וואס דען - דאס דארף מען אויך וויסן, ווייטער זאגט דער רבי, ובחינת כסדר נקרא יו"ד וכו', וכשמחלק את הד' לעצמו וממשיך לעצמו חיות ממנה אז נעשית לו שלא כסדר דו"י, מיו"ד נעשה דו"י, וזה וכל לבב דוי!**

---

[כח] עי' חיי מוהר"ן אות שע"ה: ...וְטוֹב הָיָה שֶׁיִּהְיֶה לַחֲנוּת זֶה מְשָׁרֵת טוֹב וְיָפֶה שֶׁיָּכוֹל לְהַנִּיחַ וְלִקְפֹּל וּלְסַדֵּר כָּל חֲתִיכָה סְחוֹרָה יָפֶה יָפֶה עִם הַקָּצֶה לַחוּץ ... וְהַנִּמְשָׁל מוּבָן שֶׁצְּרִיכִין אֶחָד שֶׁיִּהְיֶה בָּקִי הֵיטֵב מְאֹד בְּכָל תּוֹרוֹתָיו שֶׁגִּלָּה שֶׁיּוּכַל לְסַדֵּר כָּל תּוֹרָה יָפֶה יָפֶה עִם הַקָּצֶה לַחוּץ. וּכְשֶׁיָּבוֹא אֶחָד וְיִרְצֶה לְהִתְקָרֵב וּלְדַבֵּר מִתּוֹרָתוֹ יוּכַל לְהוֹשִׁיט לוֹ מִיָּד אֵיזֶה תּוֹרָה שֶׁהוּא צָרִיךְ אָז כְּפִי עִנְיָנוֹ... ועי' הקדמת הרב מ'טשעהרין על אוצר היראה.

[כט] עי' כוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות י"ד: ...עָנָה וְאָמַר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֲלֹא קֹדֶם שֶׁנַּעֲשִׂין אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת מֶכְרָח הַדָּבָר לְהִתְמַהְמֵהַּ הַרְבֵּה... עיי"ש כל סיפור הענין בארוכה.

[ל] עיי"ש בהמשך תו' פ"ב תניינא.

(ולכאורה קשה) "דַוִי" איז גאר כסדר? (רצ"ל לפי סדר הא"ב "ד-ו-י"), און "יוד" איז גאר שלא כסדר?! (שהוא בהיפוך מסדר הא"ב "י-ו-ד"), נאר וואס דען, עס קען זיין אמאל א "כסדר" וואס דאס זאל זיין דער גרעסטער "שלא כסדר", און ער מיינט אז ס'איז כסדר! מען דארף בעטן דעם אויבערשטן - (מ'זאל וויסן) וואס הייסט כסדר, וואס הייסט כסדר!

דער מענטש שלאפט זיך אויס גוט א גאנצע נאכט, און גייט אין שול אריין, שיין פיין, אן ערליכער איד און שיין, און דאס איז א שיינער כסדר! (לפי ראות עין האדם), אבער אז ער וויל א אנדערן כסדר (האמתי) - איז דאס נישט מיין כסדר! ער האקט אפ, דעם בעסטן שלאף האקט ער איבער, און ער האקט איבער דעם בעסטן חיות (גשמי), דעם בעסטן האקט ער איבער! און פון אויבן אויף איז עס גאר א "דוי", אבער דאס איז דער כסדר!

(ר' נחמן בורשטיין: דער רבי דערציילט אין די ערשטע מעשה, דער שני למלכות האט געזעהן א "שלאס", זענען די חיילות ארומגעשטאנען כסדר, זייער שיין זייער פיין, "און דא איז דאס ארט וואס ס'איז נישט גוט"!) אוודאי אזוי, אוודאי אזוי!

דער כסדר פון דער וועלט, פארשטעלט דעם אמת'ן כסדר! דער כסדר פון דער וועלט איז א וואוילער כסדר! (כשמדברים עם האדם בעניני התכלית, הוא חושב:) וואס "ווילסטו? וואס"?! און דאס פארשטעלט דעם אמת'ן כסדר!

אז דער אויבערשטער העלפט דעם מענטשן אז ער "וויל" עפעס, ער "וויל" עפעס, דאס אליין איז א געוואלדיגע זאך - ער "וויל" עפעס! איך ווייס עפעס אז נישט דאס איז אינגאנצן (התכלית האמתית), איך וויל עפעס!

דער געדאנק אליין איז שוין א בחינה וואס "ער וויל קויפן אפרסמון", ער וויל קויפן א שמעקעדיגע שמן, ער וויל עפעס!

דאס אליין (איז גוט, אז ער ווייסט כאטש אז) דאס איז נאכנישט, נישט אויף דעם איז דער גאנצער רצון פונעם אויבערשטן, נישט אויף דעם בין איך געקומען דא אין דער וועלט! ער וויל עפעס!

❖

# 'הסוד הנעלם'

רבי נתן האט דערפילט ביים אנהויב התקרבות ביים רבי'ן, האט ער שוין דערפילט די זאך! דער אויבערשטער האט געהאלפן - דאס איז דאך אלץ געווען לטובת פון אלע אידן, לטובת פון אונז אויך! ער האט דערפילט אז ס'איז דא אזא מין רבי דארף מען איהם אויסנוצן, דארף מען זוכן אינעווייניג, און גראבן און געפינען, ער האט שוין געזעהן אז דאס איז א געוואלדיגער אור, ער קען מתקן זיין די וועלט, און מתקן זיין יעדן איינעם![לא]

נאר וואס דען, מען דארף איהם זוכן! און אז מען זוכט איהם נישט - זאגט דער רבי[לב] - די מערת המכפילה איז געווען ביי עפרון'ען און ער האט עס געמאכט פאר א בית הקברות, פארקויפט בשמחה רבה! און דארטן איז דער "שער הנשמות", די אלע נשמות גייען דארטן ארויף, דער "שער הגן עדן", די גרויסקייט פון מערת המכפילה! און ער האט גארנישט געוואוסט!

זאגט דער רבי, מען קען זיין לעבן צדיק און מען זאל גארנישט פילן! פארוואס? דעם צדיק דארף מען זוכן!

❖

דער רבי האט געזאגט - שטייט און חיי מוהר"ן[לג] - **"איך בין דאך א אוצר פון יראת שמים, פארוואס זוכט איר מיר נישט"?!** פארוואס זוכט איר מיר נישט?

און אז איינער וועט זאגן אז "ער זוכט און געפינט נישט", זאלסטו איהם נישט גלייבן! אז מען זוכט געפינט מען! ער וועט זאגן: "איך האב נישט געזוכט און איך האב געפונען", זאלסט איהם אויך נישט גלייבן! אז מען זוכט נישט געפינט מען נישט! "איך האב געזוכט און איך האב געפונען" – קענסט איהם יא גלייבן! נאר יגעתי![לד]

---

[לא] עי' הקדמת עלים לתרופה בתחלתו.

[לב] עי' תו' י"ז אות ב', ועי' בליקוטי הלכות הל' שלוחין ה' אות ו'.

[לג] עי' חיי מוהר"ן אות רצ"ה.

[לד] עי' ליקוטי הלכות ברכות הפירות הלכה ה' אות א'.

און "יגעתי" איז מיט אלעם, איך האב געהארעוועט איך האב געזוכט מיט אלעם!

❖

אז א ריכטיגער שליח מלמעלה וועט איהם זאגן: "ביי דיר אין שטוב איז דא א אוצר", ער איז נישט קיין שקרן, וואס וועט ער נישט איבערטוהן? ער וועט דאך איבערקערן די שטוב, ער וועט דאך איבערנעמען די ווענט, ער וועט דאך איבערקערן, רייסן, טוהן! מיר האט דאך א אמת'ער מענטש געזאגט: "ס'איז דא ביי מיר אן אוצר, פארוואס זוכט ער נישט אזוי פיל"?!

אז ער גלייבט נישט אז דער אוצר איז ביי איהם, פוילט ער זיך, ס'איז ממילא אזוי, אבער אז ער גלייבט - אז ער ווייסט אז דער אוצר איז ביי איהם - איז נישט שייך צו זאגן קיין פוילן זיך! א ריווח פון א אוצר! א אוצר איז דאך א פארמעג אָן א שיעור, איז שייך צו זאגן פוילן זיך?! ער עסט נישט, ער שלאפט נישט, ער טוהט אלעם!

אין עפעס א הלכה ברענגט ר' נתן,[לה] אז איינער א "איש נאמן" וועט קומען, ער וועט מיר זאגן אז "חיטים" איז אין איסטאנבול חשוב! - ר' נתן כאפט דארטן אָן איסטאנבול, און איך ווייס אז ער איז א איש נאמן, וועל איך זאגן ניין? פארוואס עפעס פונקט חיטים איז חשוב? פארוואס נישט קיין אנדערע סחורה? פארוואס פונקט אין איסטאנבול איז חשוב חיטים? וועל איך אזוי טוהן?!

וויבאלד אז איך ווייס אז ער איז א איש נאמן, און ער זאגט מיר אז דארטן איז חיטים חשוב, וועל איך וועלן קלערן מיט מיין געדאנק "פארוואס"? "פארוואס" - וועסטו נישט וויסן פארוואס! ער זאגט דיר אז דארטן איז חשוב חיטים!

רבי נתן רעדט ארום דארטן קעגן - אז מען האט א איש נאמן, דער צדיק איז א איש נאמן, און ער זאגט דיר אויס וואס "דארטן" איז חשוב! און איך ווייס אז ער איז א איש נאמן, וויל איך אויסקלערן מיט מיין שכל פארוואס ס'איז דארטן חשוב? "פארוואס"?! אז דו וועסט פרעגן "פארוואס", וועסטו אלע יארן אויסלעבן, און דו וועסט נישט וויסן פארוואס! קיין "פארוואס" איז נישטא!

די תורה הקדושה, משה רבינו, די אמת'ע צדיקים, זיי זענען "נאמנים" זיי זאגן אונז וואס ס'איז חשוב!

---

[לה] עי' הל' גילוח הלכה ד' אות ב' - ג'.

(ר' נחמן בורשטיין: ר' נתן שרייבט אין א מכתב, מיר האנדלן נישט מיט קיין "חיטים" און נישט מיט קיין "ליאן", און די סחורה איז למרחקים!)[לו] **יא יא,** (ר' נחמן: וואס הייסט דאס "ליאן"?) **"ליאן" איז "בד", ס'איז געווען ביים כהן גדול "בד", די ריינע בד דאס איז ליאן, די "ריינע בד", נישט אפגענארט.**

❖

# 'פי שניים'

(השואל: ר' נתן בחיי רבינו האט גארנישט געטוהן פאר'ן רבי'נס זאך - מקרב זיין, אדער מפיץ זיין?) **געוועגליך נאך די הסתלקות האט ער מער געטוהן!**

**ר' נתן האט א זאג געגעבן, "ער האט חרטה אויף זיין תורה ותפילה וואס ער האט עוסק געווען בחיי רבינו! ער וואלט געווען געדארפט נאר זיין ביים רבי'ן און נעמען פונעם רבי'ן"!**[לז]

**בחיי רבינו איז א ענין פון "מורא רבך", אז די אלע תלמידים שווייגן דעמאלטס, זיי ווילן נאר מקבל זיין פונעם רבי'ן, סיידן אז דער רבי שיקט איהם א שליחות - טוהט ער א שליחות, אבער אליין - בחיי רבינו - "אליין" מאכט ער צו!**

(אחד שואל: ס'איז דאך דא א עבודה פון "להוסיף שכנים להקיבוץ הקדוש"?)[לח] **יא, יא, יא,** (אחד הנוכחים: שפעטער וועט ער מוסיף זיין אסאך מערער!) **יא אינגאנצן אינגאנצן!**

❖

**אז ר' נתן האט געזאגט, "דער רבי האט געזאגט: 'נישט דאס האב איך געמיינט, איך האב געוואלט איר זאלט ארומגיין אזוי ווי די חיות א גאנצע נאכט, אין די וועלדער אין די פעלדער, און ברומען צום אויבערשטן'" - האט ר' נתן געזאגט - "ביי איהם איז דאס געווען"!**

---

[לו] עי' עלים לתרופה אות רפ"ג.

[לז] עי' שיש"ק ח"ב אות תרי"ג.

[לח] עי' לקוטי מוהר"ן תניינא תו' ח' אות ו'.

"די מענטשן איז ביי איהם יא געווען", דער רבי האט "געוואלט" מאכן אזעלכע מענטשן, וואס זאלן ארומגיין גאנצע נעכט אין די וועלדער און פעלדער און ברומען צום אויבערשטן, ער האט "געהאט" די מענטשן, ער האט זיי געהאט!

פארוואס? פלעגן אונזערע לייט זאגן אזוי: ווארום בחיי רבינו האט ר' נתן נישט געקענט ארויסווייזן דעם רבי'ן, דער צדיק אליין איז מגלה ומכסה, ער ווייזט זיך ארויס און דעקט זיך שוין צו,[לט] דער תלמיד קען נישט ארויסווייזן דעם רבי'ן בשעת דער רבי לעבט, ער קען נישט! אבער נאכ'ן רבי'נס הסתלקות, האט ר' נתן אנגעהויבן ארויסצואווייזן ווער דער רבי איז! האט ער האט געהאט די מענטשן!

ער האט געהאט די מענטשן וואס גאנצע נעכט געברענט אזוי געוואלדיג!

(אחד הנוכחים: עס שטייט דאך אין די שיחות אז דער רבי האט געפרעגט ר' נתן'ען: "דו רעדסט דאך מיט מענטשן" -) **יא יא, קענסטו דאך פרעגן "וואס"?!!!**[מ]

אז ער האט נישט גערעדט (בחיי רבינו) - קען מען נישט זאגן, ס'איז דאך געווארן (מקורבים), אבער דאס וואס ער האט געטוהן דערנאך - האט ער נישט געטוהן (בחיי רבינו), אזוי איז דאס.

❖

# "דער שמש אליין שלאפט"...

(אחד הנוכחים: באלד נאך די הסתלקות האט זיך ר' נתן געוואלט פשוט אוועקרייסן, זיין א צדיק פאר זיך!)[מא] יא יא, ער האט געהאט אזעלכע געדאנקען, אבער דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט אויף אונז, און אויף איהם, און אויף אלעם, אויפ'ן רבי'נס זאך, האט ער דעם געדאנק נישט אויסגענוצט, נאר ער האט זיך גענומען צום רבי'נס זאך!

מען האט דאך געזעהן אפילו נאך ר' נתן'ס הסתלקות, איז אויך געווען די דורות, וואס האבן געטוהן זייער שטארק אין מקרב זיין, אה אה, "ר' נחמן טולטשינער" האט מקרב געווען, "רבי לייב קאנסטאנטינער" האט מקרב געווען הונדערטער מענטשן! ר' לייבל - ווי ער האט נאר מקרב געווען א מענטשן - איז געוואלדיג געווען!

---

[לט] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ס"ג, ד"ה "והצדיק שהוא בחינות ברית".

[מ] עי' שיחות הר"ן אות רפ"ו.

[מא] עי' ימי מוהרנ"ת ח"א אות פ"ב.

(השואל: ווער האט איהם מקרב געווען ר' לייבל'ען?) ווייס איך נישט, (השואל: ער האט געקענט ר' נתן'ען?) ווייזט אוים אז ניין, ער האט געוואוינט אין קאנסטאנטין, ס'איז ווייט, אפילו ער איז יא געווען בימי חיי ר' נתן.

[ר' אייזיק'ל איז אלט געווען צעהן יאר ווען רבי נתן איז נסתלק געווארן, ער איז געבוירן געווארן תקצ"ה, האט ער געזאגט אז ער האט געהערט אין קאנסטאנטין אז ר' נתן איז נפטר געווארן, אבער ער איז געווען ווייט].

(ר' נחמן בורשטיין: ער האט נישט געהאט קיין שייכות מיט ר' נפתלי'ן - ר' לייבעלע?) איך ווייס נישט, ער האט אנגעהויבן דאווענען תרי"א, תרי"א איז מקורב געווארן ר' אייזיק'ל, נאך ניין יאר האט ער געקענט קענען רבי נפתלי'ן (שנפטר תר"כ).

❖

ר' לייבל פלעגט מקרב זיין מענטשן צום רבי'ן, און שיקן אויף ראש השנה, און ער אליין איז געבליבן אין קאנסטאנטין (לשמש כש"ץ בשביל פרנסתו) פלעגט מען אויף איהם זאגן א ווערטל: "דער שמש וועקט צו סליחות, און ער אליין לייגט זיך שלאפן"... שוין, אזוי האט ער געטוהן.

נאכדעם האט ער מקרב געווען ר' אייזיק'ן (תרי"א), האט ר' אייזיק געזאגט: "אז איר פארט ניט, פאר איך אויך נישט"! נו, ער האט זיך געשעמט פאר ר' אייזיק'ן, ער האט געזעהן ווער ער איז, צוליב אזא מין נפש, האט ער אוועקגעווארפן אינגאנצן זיין פרנסה, ער איז געווען דער חזן אין קאנסטאנטין, מען האט איהם אזוי ליב געהאט אין קאנסטאנטין, ער איז געווען א געוואלדיגער מענטש, איך האב געהערט אז א געוואלדיגער מענטש איז ער געווען, אה, נחמד לבריות, א געוואלד!

(השואל: פארוואס למעשה איז ער נישט געפארן טאקע?) ער איז געווען א חזן! פרנסה, אמאל איז געווען א חזן, אז ער האט געדאוונט ימים נוראים האט ער א גאנץ יאר געהאט פרנסה! אז נישט ימים נוראים - האט ער נישט קיין פרנסה - דארף מען איהם נישט האבן!

(ר' נחמן בורשטיין: תרי"א האט ער מקרב געווען ר' אייזיק'ן האט ער אנגעהויבן צו דאווענען אין אומין?) יא יא, איז ער געקומען (על ראש השנה לאומין)!

איך האב געקענט די מענטשן וואס האבן איהם געדענקט נאך - ווען ר' אייזיק איז אריינגעקומען מיט ר' לייבל'ען אין שול אריין דאס ערשטע מאל, ערב ראש השנה, א טאג פאר ערב ראש השנה, איך האב געקענט די מענטשן וואס האבן דאס געדענקט! די מענטשן האבן נאך געדענקט ר' נתן'ען!

תרי"א - איז געגעבן א קום אריין ר' לייבעלע מיט ר' אייזיק'ן, ר' אייזיק איז געווען א אינגערמאן "משכמו ולמעלה" - אזוי ווי ס'שטייט ביי שאול המלך, עפעס א שיינקייט, א שיינער מענטש, א יפה תואר, און א געשטעל, און דעמאלטס איז ער געווען א אינגערמאן, איז ער געגעבן א קום אריין, האט מען א קוק געגעבן אויף דעם אינגערמאן, און ר' לייבל איז אויך דא! האבן זיי פארשטאנען אז כדי דעם אינגערמאן צו נעמען האט ר' לייבל אויך געמוזט פארן, ס'האט נישט געהאלפן ער זאל בלייבן אינדערהיים.

זיי האבן געזעהן אז ער האט מפקיר געווען דאס פרנסה, א יאר פרנסה, האבן זיי שוין דעם ערב ראש השנה צונויף גענומען אז ער זאל האבן א גאנץ יאר פרנסה, זיי האבן איהם געמאכט פיר און אכציג רובל!

דאס איז געווען תרי"א, דאס איז צוריק מיט הונדערט דריי און צוואנציג יאר (- משנת תשל"ד), דעמאלט איז געווען "פיר און אכציג רובל" האט מען געקענט שיין דורכלעבן דאס יאר! האט מען שוין געמאכט איהם די געלד, ער האט דאך אוועקגעגעבן די גאנצע פרנסה!

❖

# 'כתפלת זקן ורגיל ופרקו נאה'

דעמאלטס האט שוין ר' נחמן טולטשינער געדאווענט (שליח ציבור), ר' נחמן האט אנגעהויבן דאווענען תר"ח, האט ר' נחמן שוין דריי יאר געדאווענט, (תר"ח, תר"ט, תר"י) און דא האסטו א איד א חזן (ר' לייבל), דארף מען איהם געבן א תפילה אויך, כאטש זיי האבן נישט געוואלט, (ר' נחמן בורשטיין: אויך וועגן נוסח?) ניין, אויף דעם האט מען נישט געקוקט.

כאטש זיי האבן נישט געוואלט, זיי האבן געוואוסט אז ר' נחמן'ס דאווענען איז א אנדער דאווענען, אבער ס'איז אזוי גרויס געווען ביי אונזערע לייט דער ענין פון

חלישת דעת, מען האט זיך אזוי געהיט זיך יענעם מחליש דעת זיין, אז זיי האבן געזאגט: "מיר גיבן איהם דעם אנדערן טאג מוסף"! (ר' נחמן בורשטיין: דאס הייסט אז ר' נחמן טולטשינער האט פריער געדאווענט צוויי טעג מוסף, נאכדעם האט מען אראפגענומען א טאג?) יא יא!

האט ער געדאווענט א מוסף, ס'איז געווען חזן'יש געדאוונט, מיר דאווענען היינט אביסל אויף זיינע נוסחאות אויך, אסאך איז דא פון זיינע נוסחאות, דער צוגאנג צו אשרי דאס איז זיין נוסח, דער (ניגון שמנגנים) פאר אשרי, און דער גאנצער "הנני העני ממעש" איז אויך ר' לייבעלע'ס!

ר' נחמן טולטשינער פלעגט אנהויבן קדיש, ר' נחמן האט געזאגט "הנני העני ממעש" שטילערהייט, ער פלעגט נאר אויסשרייען דארטן עטליכע ווערטער, אבער אזוי האט ער געזאגט שטילערהייט.

נאך איז דא אסאך זאכן דארט, (ר' נחמן בורשטיין: מכלכל חיים?) אויך זיינער! (שואל: פון שחרית אויכעט?) ניין, שחרית איז פון ר' נחמן טולטשינער, און נאך איז געווען -

ער איז געווען א געוואלדיגער בעל בכיה, ר' נחמן האט געדאווענט מיט א געוואלדיגע התעוררות אבער ער איז נישט געווען קיין בעל בכיה, און ר' לייבעלע האט אויסגעגאסן טייכן טרערן - מיט חזנות, א שיינער קול געווען, א חזן א שיינער, פארשטייסטו דאך אז דער עולם האט געקוועלט נאך ר' נחמן'ס דאווענען מערער.

איך האב געהערט פון ר' יצחק בער'ס א זוהן, ער איז געווען ר' נחמן טולטשינער'ס אן איידעם, ר' נחמן האט געהאט איין טאכטער פונעם זיווג ראשון, און ער האט זיך משדך געווען מיט ר' יצחק בער'ן, ר' יודל (בנו של ר' יצחק בער, חתן ר' נחמן טולטשינער) - איך האב איהם געקענט - אויך געווען א באברינ‍יצער, ער האט איהם אונטער געהאלפן - ר' נחמן'ען, האט ער (ר' יודל) אזוי געזאגט: איך בין געשטאנען אין דער יוגנד ביים שווער, דער שווער האט אזוי געקאכט אזוי ווי א "לאקאמאטיוו" (קטר) - דער ערשטער וואגאן וואס פירט די גאנצע באן, דארטן איז הייס, אזוי האט דער שווער געקאכט ווען ער איז געשטאנען ביים עמוד!

מען זעהט דאך ר' לייבל איז געווען א גרויסער - אבער ס'איז נישט געווען ר' נחמן'ס דאווענען! האב איך געהערט אמאל אז ס'איז געווען א ראש השנה, ר' נחמן האט אפגעדאוונט, האבן זיי זיך אפגערעדט אז ער זאל דאווענען מארגן אויך! שוין,

איז ר' לייבל צוגעגאנגען צו זיי, צו די גדולים אונזערע, ס'איז געווען אלע ר' נתן'ס קינדער, וואס זענען דעמאלטס געוועזן, האט ער זיי אזוי געזאגט: "איר קענט זיך נישט אויסמאלן דעם חלישות הדעת וואס איך וועל האבן"! הערסט?! זאגט ער: "רבי לייבעלע, איר וועט דאווענען מארגן"! איר וועט דאווענען מארגן!

וואס ערליכע אידן זענען! זיי האבן געוואלט ר' נחמן'ס דאווענען, נאר וויבאלד ר' לייבל וועט האבן "חלישות דעת", נישט קיין סתם א איד, א צדיק! חלישות הדעת קען אמאל דערלאנגען צום מח - צו די עבודה, נישט קיין פראסטע גאוה, אזא מין אידן - נישט ווייל ער איז א בעל גאוה'ניק, דאס איז א בחינה וואס מיר געפינען דארטן ביי די חז"ל "חלשה דעתיה", ביי ר' יוחנן "חלשה דעתיה",[מב] מען געפינט אמאל ביי די גדולים חלשה דעתיה, "ניין ר' לייבעלע, **איר וועט דאווענען מארגן אויך"!**

❖

# 'פיפיות שלוחי עמך בית ישראל'

(כאן חסר קצת) - אז ר' נחמן טולטשינער איז נפטר געווארן, און ר' אליעזר (ביאליסטוצקער) איז אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל, האט רבי לייבעלע געדאוונט עטליכע יאר מוספים, און דערפאר האט ר' אברהם (שטערנהארץ) אנגעהויבן דאווענען שחרית'ים, ווייל דער מוסף איז אריבערגעגאנגען צו ר' לייבעלען.

(ר' נחמן בורשטיין: ער האט אנגעהויבן ביי די צוויי און צוואנציג יאר), **יא יא תרמ"ד שוין, אודאי, פונקט צוויי און צוואנציג!** (ר' נחמן בורשטיין: אה, ר' נחמן טולטשינער איז יענמאלט פונקט נסתלק געווארן?) **יא יא.**

ר' לייבעלע איז נאך געבליבן, ר' לייבלע האט נאך עטליכע יאר געדאווענט מוספים, און ר' אברהם האט אנגעהויבן שחרית דאווענען, האט ער געדאוונט גוט! אה אה! "פלא פלאות" איז געווען זיין שחרית, געוואלדיג!

---

[מב] עי' בבא מציעא דף פ"ד ע"א.

אז ר' לייבעלע איז נפטר געווארן, האט ר' אייזיק[מג] אזוי געזאגט: "דעם שחרית פון אברהם'ען זאל מען נישט טשעפען", מוסף האט מען געזעהן ר' נחמן נעמיראווער.

(השואל: דאס הייסט אז ר' אברהם שטערנהארץ האט אנגעהויבן דאווענען שחרית איידער ר' נחמן נעמיראווער האט אנגעהויבן דאווענען מוסף?) **אוודאי, מ"ד!** (ר' נחמן בורשטיין: דאכט זיך מיר, ס'איז געווען אינעם יאר פון די הסתלקות פון ר' נחמן טולטשינער, ר' נחמן איז נסתלק געווארן מ"ד) - **און מ"ה האט ער שוין געדאווענט - ר' אברהם, יא!**

ר' אברהם האט מיר אזוי געזאגט, ער איז געבוירן געווארן כ"ב, און ווען ער איז אלט געווען צוויי און צוואנציג האט ער שוין געדאווענט, איז געבליבן אז ר' נחמן (נעמיראווער) איז געווארן בעל מוסף.

(השואל: ווער איז געווען עלטער, ר' אברהם אדער ר' נחמן?) **ביידע זענען געווען גלייך, זיי זענען געווען שוועסטער קינדער, אוודאי, זיי זענען ביידע געווען גלייכע יארן, ר' אברהם'ס טאטע האט געהייסן ר' נפתלי הערץ, ר' שכנא'ס** (בן מוהרנ"ת) **א זוהן, און ר' נחמן'ס טאטע האט געהייסן ר' דוד צבי, אויך געווען ר' שכנא'ס א זוהן, ער ליגט לעבן ר' נתן'ען דער ר' דוד צבי, איז זייערע ביידע טאטעס זענען געווען ר' שכנא'ס קינדער!**

(השואל: ווער איז געווען דער דריטער ברודער, ר' נחמן ב"ר שכנא?) **יענץ איז געווען גאר עפעס, אה, ר' נחמן ר' שכנא'ס! יענץ איז געווען גאר עפעס א געוואלדיגער מענטש!**

(ר' נחמן בורשטיין: ר' נחמן ר' שכנא'ס האט נאך געקענט ר' נתן'ען?) **יא, ער האט טאקע געקענט ר' נתן'ען!** (ר' נחמן בורשטיין: דער עלטסטער זוהן פון ר' שכנא איז ער געווען?) **יא אוודאי!**

ער איז געווען גאר עפעס אן אנטיק, ער איז געווען גאר א געוואלדיגער מענטש - דער ר' נחמן ב"ר שכנא, רבי נתן דערמאנט איהם אמאל אין א בריוו דארטן, עטליכע מאל דערמאנט ער איהם 'נכדי' 'נכדי'![מד]

❖ ❖ ❖

---

[מג] ר' איזיק אייזענשטיין ז"ל מחשובי אנ"ש באומין, הוא שבנה מחדש את הקלויז.

[מד] עי' מכתב מיום ג' בשלח תקצ"ח, ומיום א' חוקת תקצ"א, אור ליום ב' נח תקצ"ו, ויום ג' בשלח תקצ"ח, ויום ד' ויקרא ת"ר.

# 'עומדים צפופים'

אין מיינע צייטן איז נאך געווען - דער ערשטער ראש השנה מיינער איז געווען תרע"ה, איז שוין אויך ניין און פופציג יאר, ס'איז געווען חוץ מדרך הטבע געוועזן - די התעוררות פון די שול וואס ס'איז געווען ראש השנה! ס'איז גארנישט געווען קיין מענטשליכע זאך, ממש מען האט געשוועבט - מען האט געשוואומען צום אויבערשטן, ס'איז גארנישט געווען קיין מענטשליכע זאך!

(השואל: מען האט געענדיגט שפעט דעם דאווענען אזוי ווי דא, אדער שפעטער?) ניין, שפעטער! א ערך מיט א שעה שפעטער, איך רעד נישט אזוי וועגן די אריכות, נאר דער דאווענען איז געוועזן עפעס א מין דאווענען!

איך בין געווען א אינגל דארטן (בפולין), בין איך אויפגעוואקסן ביי די רבי'ס דארטן, ס'איז געווען דער גראדזיסקער רבי, דער קאזשניצער רבי, אלץ רבי'ס רבי'ס, ס'איז געקומען דער סאכאטשאווער רבי, דער רבי, אלץ געקומען נייע רבי'ס, האב איך דאך אלס איבערגעזעהן, יעדער רבי איז געקומען מיט טויזענטער חסידים, ס'איז דאך אלס געווען געשטעלן, גרויסע געשטעלן! (אנשי מעלה).

איך האב דאס א קוק געגעבן, איך בין געבליבן שטיין: וואס איז מיט מיר? וואו בין איך עפעס?! איך האב נישט געוואוסט וואו איך בין אין דער וועלט?! אזא מין דאווענען? מיט אזא מין בענקאכטס צום אויבערשטן, מיט אזא מין שמחה, וואו זעה איך דאס? וואו זעה איך אזעלכע אידן?! - - -

וואס ס'האט זיך איבערגעארבעט ביים רבי'ן אויפ'ן ציון, ערב ראש השנה פון חצות ביז זכור ברית, און פון נאכ'ן דאווענען ביז מנחה, דאס קען מען זיך נישט אויסמאלן! דאס איז נישט קיין מענטשליכע זאך אויסצומאלן! "עומדים צפופים" ממש, מען איז געשטאנען, מען האט געשוועבט, ווי האט מען געקענט דאס אויסהאלטן? זיין אין אזא מין מקום?! וואס דארטן האט זיך איבערגעטוהן, וואס דארט האט זיך איבערגעטוהן הרהורי תשובה, מיט טרערן, א געוואלד - א געוואלד!

איך האב זיך ארייגעשטופט דארט, איך האב געזאגט די צעהן קאפיטל תהלים, און השתטחות האב איך גארנישט געקענט האבן (מרוב הדוחק), האב איך אביסל אנגעבויגן זיך און איך בין קוים ארויס פון דארטן א לעבעדיגער, און מענטשן זענען

געשטאנען דארטן שעה'ן, שעה'ן איז מען געשטאנען, איך האב נישט געקענט טראכטן - אוי פון וואו האבן זיי כוחות? ווי האבן זיי כוחות איינצושטיין? ס'איז דאך ממש - אפכאפן דעם אטעם האט מען דאך נישט געקענט!

דער תירוץ איז געווען: ס'איז געווען די "החכמה תחי' את בעליה",[מה] דאס חיות איז אזוי גרויס פון דביקות צום אויבערשטן, אז ס'האט זיך גארנישט אנגעזעהן די אלע זאכן!

רבי נתן ברענגט דארטן,[מו] בשעת דעם לעצטן ראש השנה, "ער האט נאר געזעהן אז די אויערן זאל הערן וואס דער רבי זאגט"! מען האט איהם געטראטן, געווארפן, ער האט גארנישט געוואלט קוקן, אבי די אויערן זאלן הערן וואס דער רבי זאגט!

מען האט אנגעטאפט דעם רבי'ן!!![מז] דאס איז עפעס א כח פון אויבן, און טאקע דאס דאווענען, און דער זכור ברית, און א חוץ דעם דאווענען - דער מענטש אליין איז געווען עפעס - איז נישט געווען (במצב רגיל), אין עפעס אן אנדערער אויר איז ער געווען, עפעס גארנישט געווען דא![מח]

מען האט געזעהן ווי דער כח פונעם רבי'ן - "דאס איז דעם רבי'נס ראש השנה"! דאס איז דעם רבי'נס ראש השנה!

❖

---

[מה] קהלת ז', ועי' חיי מוהר"ן אות רל"ח.

[מו] עי' כוכבי אור - סיפורים נפלאים.

[מז] עי' חיי מוהר"ן אות קפ"ז: ...עָנָה וְאָמַר לְהָעוֹלָם, תִּרְאוּ לְהִתְקַבֵּץ יַחַד וּלְהִתְפַּלֵּל יַחַד, כִּי אִם תִּתְפַּלְּלוּ בְּכַוָּנָה אוּלַי תּוּכְלוּ לְהַמְשִׁיךְ אוֹתִי לְכָאן עוֹד הַפַּעַם... ועי' אבני"ה ברזל, דיבורים ממוהרנ"ת ז"ל אות ד': שָׁמַעְתִּי שֶׁפַּעַם אַחַת בַּלַּיְלָה הָרִאשׁוֹנָה שֶׁל רֹאשׁ הַשָּׁנָה בְּאוּמַן אַחַר תְּפִלַּת עַרְבִית, וְהוּא הֶאֱרִיךְ מְאֹד בִּתְפִלָּתוֹ, וְאַחַר הַתְּפִלָּה נִתְלַהֵב מְאֹד וְאָמַר לַאֲנָשָׁיו, כְּשֶׁאֲנַחְנוּ מִתְקַבְּצִים לְכָאן, בְּוַדַּאי גַּם רַבֵּנוּ זַ"ל אִתָּנוּ פֹּה בְּיַחַד...

[מח] עי' ליקוטי הלכות הל' גביית חוב מהיתומים הל' ד' אות ג': וְכֵן הוּא בְּכָל דּוֹר וָדוֹר, שֶׁעַל יְדֵי הַצַּדִּיק הָאֱמֶת וּמְעַט אֲנָשָׁיו שֶׁנִּתְעוֹרְרוּ בִּתְשׁוּבָה, עַד שֶׁהִתְוַדּוּ וִדּוּי דְּבָרִים לְפָנָיו, שֶׁעַל יְדֵי זֶה נִכְלְלוּ בָּאֵין סוֹף ... כִּי הִתְנוֹצְצוּת אוֹר הָאֵין סוֹף שֶׁמֵּאִיר בְּדַעַת הַיִּשְׂרְאֵלִי הַזּוֹכֶה לְהִתְקָרֵב לַצַּדִּיק הָאֱמֶת זֶהוּ בְּחִינַת נוֹדָע כַּשְּׁעָרִים בַּעֲלָהּ, כָּל חַד כְּפוּם מַה דִּמְשַׁעֵר בְּלִבֵּיהּ, וְאִי אֶפְשָׁר לְדַבֵּר בָּזֶה...

# 'טוב עין'

(השואל: ווער האט געזאגט זכור ברית?) ר' אברהם (שטערנהארץ), ר' אברהם האט געזאגט זכור ברית, ר' אברהם האט געדאווענט מנחה, און מעריב, און צוויי מוספים, (- אחרי שר' נחמן נעמירובער נפטר בשנת תרע"ט), און צוויי שחרית'ים, און געזאגט א תורה אויף די בימה פיר שעה צייט!

און די תורה האט ער געזאגט מיט אזא מין קול - אזוי ווי ער דאווענט פאר'ן עמוד, קולי קולות זאגן, אויסשרייען אזא תורה, און דעם אנדערן מעריב האט ער געוואלט צוגיין אן אנדערער - ניין!

און איך האב איהם קיינמאל נישט געזעהן הייזעריג! אז ס'איז געפאלן א זונטאג ערב ראש השנה, איז דער גאנצער עולם געקומען אויף שבת, האט ר' אברהם געדאווענט גאנץ שבת, קבלת שבת און מוסף, אלץ אליין געדאווענט!

(ר' נחמן בורשטיין: און אז ס'איז אויסגעפאלן דאנערשטאג-פרייטאג?) יא אוודאי, דאס רעדט מען דאך נישט, נאך ראש השנה קען ער שוין דאווענען, מען רעדט דאך פאר ראש השנה, דארף מען דאך האבן כוחות אויף ראש השנה, אז זונטאג איז ערב ראש השנה דארף מען דאך האבן כוחות אויף ראש השנה, האט ער געדאווענט פרייטאג צונאכטס, און מוסף, און געזאגט שלש סעודות א תורה!

דער ישראל קאזשינסקער - זיין טאטע איז געווען איציק קאזשינסקער, פון די שיינע חסידים, האט ער אזוי געזאגט צו ר' אברהם (שטערנהארץ): "ר' אברהם, היט זיך פאר א גוט אויג", (וענה לו ר' אברהם:) **"דער רבי איז א טוב עין, האב איך נישט קיין מורא פאר קיין גוט אויג"!**

(השואל: ווען איז געווען די תורה?) צווישן איין טאג און אנדערן, בין השמשות.[מט]

(ר' נחמן בורשטיין: דער עולם איז געזעצן פיר שעה?) איך וועל דיר זאגן, דעם ערשטן ראש השנה פארנאכט נאך תשליך האט מען בשום אופן נישט געקענט ארייגגיין אין שול

[מט] עי' חיי מוהר"ן אות קכ"ו, לגבי מנהג רביז"ל.

אריין, די שול איז געווען געפאקט פון די שטאט מענטשן, אלע זענען געקומען פון שטאט, מען האט נישט געקענט אריינטרעטן, ס'איז געווען געפאקט!

און אלע (שאר אנ"ש) זענען שוין געווען אין די שטיבער, ביי ר' שמשון'ען איז געווען אן עולם, און דארטן ביי נחום שיסטער איז געווען אן עולם - ר' אברהם ר' נחמן'ס איז געווען ביי נחום שוסטער, און אין נאך שטיבער געווען אן עולם.

און אין שול איז געווען א גרויסער עולם, מער פון די שטאט מענטשן ווי פון אונזערע לייט, ווייל פון שטאט האט מען אויך געוואלט איהם הערן זאגן די תורה, און ער האט געוואלט נאר ענדיגן די תורה (לסיים תורה שלימה בליקו"מ), האט ער נישט געוואלט אפלאזן, נאר ענדיגן די תורה, ער האט געזאגט א תורה פון "תקעו אמונה" אדער "תקעו ממשלה", גאר די גרויסע תורות, און ענדיגן א תורה!

(השואל: איך האב געהערט אז דריי "תקעו'ס" איז געווען דארטן, ר' אברהם ר' נחמן'ס, ר' שמשון בארסקי, און ר' אברהם שטערנהארץ, ר' שמשון האט געלערנט "תקעו אמונה", און ר' אברהם ר' נחמן'ס "תקעו תוכחה"), אך, לאז אפ שוין, ס'איז אלץ נארישע דיבורים...

(השואל: האט ר' אברהם ר' נחמן'ס נישט געדאוונט אין שול דעמאלטס מעריב?) ניין, מעריב נישט, מען האט נישט געקענט אריינגיין אין שול! ס'איז געווען אזוי אז אפילו צום פרוזדור האט מען נישט געקענט צוטרעטן, זיי (ההמון עם) זענען אנגעקומען פרי!

מנחה האבן מיר אפגעדאווענט פאר תשליך, און אוועקגעגאנגען צו תשליך, נאך תשליך איז מען גלייך געגאנגען צושפרייט זיך אין די הייזער.

(השואל: און צום דאווענען איז מען נישט געקומען פון די שטאט, נאר צו די תורה?) זיי האבן שוין געדאווענט מעריב אויך, ער איז געווען א שיינער בעל תפילה ר' אברהם, ער האט געדאווענט מעריב אויך זייער מיט א קול, שיין געדאווענט מעריב!

(אחד הנוכחים: מסתם האבן זיי געוואלט זעהן די געסט) די גאנצע שטאט איז געקומען, ס'איז אזוינס געווען - מען האט נישט געקענט צוטרעטן צו די שול, אפילו אינדרויסן האב איך נישט געקענט צוגיין, איז מען געווען צושפרייט אין די הייזער, ס'איז אין די הייזער אויך געווען זייער - אה אה!

(השואל: ווער האט געדאוונט - מעריב ליל שני - ביי ר' אברהם ר' נחמן'ס טאקע דארט?) **ס'איז געווען יונגעלייט, "נאשקע" ע"ה[נ] האט געדאוונט, "איציק'ל"[נא] - דער "דוד כוכב לב'ס" טאטע, ער איז געווען א בעל תפילה, מען האט געדאוונט, וואס זאל איך אייך זאגן? ס'איז געווען אזעלכע צוניפקומענישן אין די הייזער, אה אך! אוי אוי ס'איז געווען אין די הייזער צוניפקומענישן, געוואלדיג געוואלדיג געווען!**

(השואל: ר' אברהם ר' נחמן'ס האט גערעדט הויך?) **ר' אברהם האט גערעדט, גערעדט, ער האט נישט געקענט רעדן אזוי הויך ווי ר' אברהם שטערנהארץ, נאר ער האט גערעדט, ס'איז נישט געווען אזוי פיל מענטשן, אין א שטוב איז דאך געווען, אפאר מנינים איז געווען.**

**איך בין געווען א בחור דעמאלטס, איך בין ארומגעגאנגען אזוי ווי א צומישטער: וואו בין איך? וואו בין איך? דאס איז דאך א גן עדן! וואו בין איך דא?! וואו בין איך? וואו געפין איך זיך?!**

❖

(השואל: דער נוסח פון דאווענען איז געווען ענליך צו דעם נוסח פון פוילן, אדער ס'איז א אנדער נוסח בכלל דער אוקריינער נוסח?) **ניין, אין פוילן איז עפעס א אנדערע נוסח,** (ר' נחמן בורשטיין: דער וואהלינער נוסח - באוקריינע!) **דער וואהלינער נוסח, יא. ר' פנחס קאריצער'ס א זוהן "ר' משה", דאס איז דער נוסח!**

(השואל: אה דער אוקריינער איז א וואהלינער נוסח?) **יא, 'אבות' איז פון וואהלינער נוסח - אנהויב פון אבות, און דער נוסח פון כל נדרי, דאס איז אלץ דער נוסח פון ר' פנחס קאריצער'ס זוהן ר' משה, דאס איז געווען אין גאנץ אוקריינע, אבער די נוסחאות אונזערע - מוספים אזוי, דאס איז פון דעם "טירהאוויצער מגיד", ער איז געווען א בעל תפילה ראש השנה!**

---

[נ] רבי נאשקע טולטשינ'ער ז"ל, ה"ה ר' נחמן ב"ר שכנא ב"ר דוד צבי ב"ר יצחק בן מוהרנ"ת ז"ל, מחשובי אנשי שלומינו.

[נא] רבי יצחק בנו של רבי אברהם ב"ר דוד צבי ב"ר יצחק בן מוהרנ"ת, והיה אביו של רבי דוד צבי כוכב-לב ז"ל (שנלב"ע בשנת תשס"ח).

**"ר' יקותיאל" - ר' גרשון'ס[נב] א זוהן, ער האט געדאווענט ביי ר' נתן'ען עטליכע מאל.**

(ר' נחמן בורשטיין: ר' גרשון פלעגט אויך פארן צום רבי'ן, ר' גרשון האט נאך מאריך ימים געווען נאכ'ן רבי'ן - ניין?) **יא יא, ער איז געפארן, אלע זענען געפארן אויף ראש השנה!** (ר' נחמן בורשטיין: איך מיין נאכן רבי'נס הסתלקות?) **אלע זענען געפארן, אלע זענען געפארן אויף ראש השנה!**

**נאר די צוויי "ר' אהרן דער רב", און דער זוהן "ר' הירש לייב", א חוץ זיי זענען אלע געפארן אויף ראש השנה** (השואל: און די קינדער פון ר' הירש לייב, ר' חיים?) **זיי זענען שוין אויך געפארן! ר' הירש לייב'ס קינדער זענען שוין אויך געפארן, דער טשעהרינער רב און ר' חיים, אלע זענען געפארן.** (השואל: ר' יודל, ר' שמואל אייזיק?) **אלע, אלע זענען געפארן!**

❖ ❖ ❖

---

[נב] ממקורבי רביז"ל, נכד המגיד מטורהאוויצע ז"ל.

# נספח; חלק משיעור שנמסר בחודש תמוז תשל"ז

## ובו עניני גודל יקרת הראש השנה של רביז"ל

(טייפ מס' 252#)

# 'איש בל יעדר'

(קורא מתוך חיי מוהר"ן סימן מ"ג): **בהתורה תקעו תוכחה בליקוטי מוהר"ן תנינא** - אין דעם אנדער חלק סימן ח' - **מובא לענין גודל עוצם המעלה כשזוכין שנתוסף נפש אחד להקיבוץ הקדוש של ישראל**, אז ס'קומט צו א נפש וואספארא גרויסקייט דאס איז! (השואל: וואס מיינט עס אז ס'ווערט נתוסף להקיבוץ הק' של ישראל?) מען מיינט אלעס, אבער דער עיקר מיינט עס א קיבוץ פונעם אמת'ן צדיק, אז ס'ווערט ניתוסף א נפש![נג]

ס'איז געווען דער לעצטער ראש השנה, איז ר' אהרן דער רב נישט געווען אויף ראש השנה, ער איז געווען מיט'ן רבי'ן, דער רבי איז דאך אוועק געפארן פון ברסלב נאך פסח נאך די שריפה, און ר' אהרן איז געקומען מיט'ן רבי'ן, און אפגעווען מיט'ן רבי'ן כמעט דעם גאנצן זומער אין אומין, ער איז ארויס קיין אומין, נאכדעם איז אנגעקומען פון ברסלב קיין אומין א בריוו פון די שטאט פון ברסלב צום רבי'ן: "איר זענט אוועקגעפארן, אבער איר האט מיטגענומען מיט זיך דעם רב אויך אונזערער, מיר האבן דאך נישט קיין רב, מיר דארפן האבן א רב"!

דער רבי האט געוויזן ר' אהרן'ען דער בריוו: "אזא בריוו איז דא פון דער שטאט, זיי האבן נישט קיין רב"! זיי האבן נישט קיין רב! האט ר' אהרן דער רב געפרעגט דעם רבי'ן: "זאל איך פארן"? זאגט איהם דער רבי: **"דו קענסט זיך נישט אויסמאלן דעם צער וואס איך וועל האבן אז דו וועסט נישט זיין ביי מיר ראש השנה"!** (אמר ר' אהרן:) **"נו, וועל איך בלייבן דא"!** (אמר רבינו:) **"די שטאט איז דאך גערעכט"!** (שאל ר' אהרן:) **"וועל איך פארן"?** זאגט דער רבי ווידער (כנ"ל, ושאל ר' אהרן:) **וועל איך בלייבן דא?!** דער רבי האט נישט געזאגט "עשה כך"![נד]

---

[נג] עי' חיי מוהר"ן שם.

[נד] עי' חיי מוהר"ן אות ר"כ ואות ת"ו, ועי' שיחות הר"ן אות רי"ד.

נו, איז ער אוועקגעפארן, פאר ראש השנה איז ער אוועקגעפארן קיין ברסלב! אז ער איז אוועקגעפארן האט ער געטראפן אויפ'ן וועג - איז שוין געפארן ר' נתן מיט ר' נפתלי'ן אויף ראש השנה צום רבי'ן, (שאלו אותו:) "וואו פארסטו? וואו פארסטו אוועק איצטער"?! דערציילט ער זיי די גאנצע מעשה פונעם רבי'ן, אז דער רבי האט אים אזוי געזאגט! (אמרו:) "וואס?! **אז דער רבי זאל אונז טרייבן מיט דריקעם - "דריקעם" הייסט אויפ'ן קאפ מיט א שטיק האלץ - וועלן מיר אוועקפארן פונעם רבי'נס ראש השנה"?!**

אבער ס'האט נישט געהאלפן, ער איז נישט געווען אויף ראש השנה! און דער רבי האט דאך געזאגט אזוי מיט דעם לשון: "דו קענסט זיך נישט אויסמאלן דעם צער וואס איך וועל האבן אז דו וועסט נישט זיין ביי מיר ראש השנה"!

אונזערע לייט פלעגן זאגן אז ס'ווייזט אויס, **אז ס'קען זיין אז ווען ער וואלט געווען זיין ביים רבי'ן, וואלט דער רבי נישט נסתלק געווארן!** (ועל זה רמז רבינו "דער צער וואס איך וועל האבן" וכו' כנ"ל).

ווייל פונעם קיבוץ האט געפעלט! און ס'האט געפעלט נאך איינער, איינער איז געווען פון 'וויניצע' וואס ער איז נישט געוועזן, און איינער איז געווען ר' אהרן, דער רבי האט גערעכענט - יענער האט געהייסן דאכט זיך "בערעלע" -**"אהרל'ע איז נישטא און בערעלע איז נישטא"!**

יענער איז געווען א פראסטער (פשוט'ער) מענטש, גאר א פראסטער מענטש, יענער פון וויניצע וואס איז נישט געווען, און ר' אהרן דער רב - א גדול! דער רבי האט גערעכענטביידן צוזאמען: "ער איז נישטא, און דער איז נישטא"! ווארום ביים קיבוץ אז ס'פעלט אוים איינער, איז נישט קיין נפקא מינה ווער דער איינער איז, אויב ער פעלט - פעלט ער! און אז ס'קומט צו איינער איז אויך - ווערט נתוסף די קדושה מער און מער!

❖

# 'מכריע את כל העולם'

די גמרא אין קדושין זאגט,[נה] א מענטש זאל זיך תמיד האלטן פאר א 'בינוני'; איך בין אויף דעם וואג "האלב זכאי און האלב חייב", איך וועל טוהן עפעס א מצוה וועט עס איבערוועגן, וועל איך ווערן רוב זכאי, טאמער חלילה פארקערט וועט ווערן רוב חייב, ממילא וועט ער וויסן אז ער דארף זיך זייער היטן פון טוהן א עבירה, און נאר וועלן טוהן א מצוה, אפילו איינס וועט איבערוועגן!

דאס איז ביי זיך אליין, ווידער זאגט די גמרא ווייטער - אז ביי די וועלט איז אויך אזוי, די וועלט איז אויך האלב זכאי און האלב חייב, אז איך וועל טוהן א מצוה, וועל איך איבערוועגן די וועלט, דורך מיר וועט ווערן דער רוב פון זכאי די גאנצע וועלט! חלילה אז איך וועל טוהן אן עבירה וועל איך איבערוועגן די וועלט!

קומט אויס, אז דער מענטש אליין - אז איך וועל זיך האלטן פאר א בינוני, און איך וועל האלטן אז די וועלט איז אויך בינוני, האלב, און מיט מיין זיין - קען איך איבערוועגן חלילה אויף דער זייט, און אויף דער זייט!

בכלל איז עס אזוי, יעדער מענטש דארף וויסן: אז ער גייט טוהן כאטש עפעס א זאך, א מצוה, זאל ער וויסן אז די מצוה וועט מכריע זיין מיינע זכויות! איך בין האלב! תמיד זאל א מענטש האלטן אז ער איז א בינוני, אפילו ער האט היינט געטוהן מצוות ומעשים טובים אסאך - איך בין ווידער א בינוני, תמיד בין איך האלב, און אז איך בין האלב, דארף איך נאר זעהן אז ס'זאל מיר איבערוועגן די העלפט פון די גוטע זייט!

❖

# 'טוב שכן קרוב'

(ממשיך בחיי מוהר"ן שם:) לענין גודל עוצם המעלה כשזוכין שנתוסף נפש אחד להקיבוץ הקדוש של ישראל, שעל ידי זה נתרבין הבתים של התפילה אלפי אלפים ורבי רבבות, מה שאין הפה יכול לדבר והלב לחשוב וכו', והבן היטב עד היכן הריבוי מגיע כשניתוסף אבן אחת על האבנים, היינו נפש אחד על הקיבוץ הקדוש של הנפשות שהיו כבר, השי"ת יזכינו לשמוח באלו הבתים

---

[נה] קידושין דף מ' ע"ב.

**אשר עליהם נאמר ושמחתים בבית תפלתי, כמובן בהתורה הנ"ל, אשרי הזוכה לזה!**

דער רבי זאגט טאקע אין די תורה, מען האט פריער גערעדט, ר' אהרן דער רב איז נישט געווען ביי דער תורה (שנאמר בראש השנה האחרון), דער רבי האט געזאגט (לר' אהרן): "דו קענסט זיך נישט אויסמאלן דער צער וואס איך וועל האבן, אז דו וועסט ניט זיין ביי מיר ראש השנה"!

דער רבי זאגט (שם בתורה ח') **"ובל יאמר שכן חליתי, העם היושב בה נשוא עון"!** זאגט דער רבי דארט אין די תורה, אז ס'קומט צו א "שכן" (נפש שניתוסף להקיבוץ) זאל מען נישט זאגן איך בין קראנק, ווייל מ'קען האבן א רפואה דורך'ן שכן![נו]

האט דער רבי אנגעוואונקען אין דער תורה, אז ווען ר' אהרן דער רב זאל ווען זיין אויף ראש השנה וואלט דער רבי געקענט האבן א רפואה!

דער רבי האט נישט ארויסגערעדט אינגאנצן דער זאך, נאר געזאגט נאר (ברמיזה), שוין, אויך גענוג געזאגט, "דו קענסט זיך ניט אויסמאלן דעם צער וואס איך וועל האבן אז דו וועסט נישט זיין ביי מיר ראש השנה", האט ער שוין גענוג געזאגט![נז]

און ר' אהרן איז געווען אזוי גרויס, דער רבי האט געזאגט אז **"ער האט גענוצט זכות אבות ארויסצונעמען ר' אהרן'ען פאר רב קיין ברסלב"!**[נח] אזוי גרויס איז ר' אהרן געווען, ס'איז דאך א געוואלד! דער רבי האט זיך משעשע געווען מיט איהם, און אין די זאך האט ער זיך נישט אנגעשטויסן (לא ירד לסוף דעת רביז"ל), און ער איז אוועקגעפארן פון ראש השנה.

---

[נו] עיי"ש בלקו"מ תו' ח' תניינא אות ו': **וְזֶה בְּחִינַת "וּבַל יֹאמַר שָׁכֵן חָלִיתִי", כִּי עַל־יְדֵי שֶׁנִּתּוֹסֵף שָׁכֵן, עַל־יְדֵי־זֶה נִצּוֹלִין מֵהַחוֹלַאַת כַּנַּ"ל, כִּי: "הָעָם הַיֹּשֵׁב בָּהּ נְשׂוּא עָוֹן", כִּי עַל־יְדֵי הַשָּׁכֵן נִתְרַבֶּה הַתְּפִלָּה, וַאֲזַי הוּא בְּחִינַת נְשִׂיאוּת עָוֹן כַּנַּ"ל, וְעַל־יְדֵי־זֶה בָּא רְפוּאָה, וְנִתְבַּטֵּל הַחוֹלַאַת כַּנַּ"ל.**

[נז] עי' כוכבי אור - ששון ושמחה, הערה ג': **שֶׁבְּכָל דִּבּוּר וְדִבּוּר שֶׁאַדְמוּ"ר זַ"ל יוֹרֵנוּ וִילַמְּדֵנוּ, עוֹד יִרְמֹז לָנוּ לְהָבִין מֵעַצְמֵנוּ עַל יְדֵי רִמְזֵי יְדֵי חָכְמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה הַמְלֻבָּשִׁים גַּם הַיּוֹם בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים ... וּמִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן בְּדָבָר נוֹרָא וְנִשְׂגָּב כָּזֶה צְרִיכִין לְהִשְׁתַּמֵּשׁ בָּזֶה יוֹתֵר וְיוֹתֵר, וְכֵן מוּבָן מִדִּבְרֵי מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל בְּעַל פֶּה, שֶׁשָּׁמַעְתִּי בְּעִנְיָן זֶה שֶׁמֵּחֲמַת זֶה הַטַּעַם גַּם הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה הַקָּדוֹשׁ שֶׁאַחַר הִסְתַּלְּקוּתוֹ לִנְסֹעַ לְאוּמַן לֹא גִּלָּה בְּפֵרוּשׁ.**

[נח] עי' הקדמת חכמה ותבונה.

א דיבור וואס גייט ארויס מפי הצדיק, דארף מען זיך זייער גוט ארייננקלערן אין זיין דיבור, אין יעדער דיבור וואס איז ארויס מפי הצדיק![נט]

דער צדיק זאגט א דיבור, אבער ס'קען נישט זיין אז ער זאל ארויסרעדן דעם דיבור אזוי בפרט, ארויסרעדן יעדע זאך, ארויסרעדן יעדע קלייניקייט, דאס קען נישט זיין! ער זאגט - דו זיי מעיין אין דעם, כמה מאל זעהט מען אין גמרא: "גיי זיך וועסטו געפינען" - "נפק ודוק ותשכח"![ס]

אמאל איז דא פון א רבי'ן צו זיין תלמיד א זאך, און דער תלמיד פרעגט דעם רבי'ן פון וואנעט איז דאס? זאגט אים די רבי: גיי זיי מעיין, גיי זיך וועסטו געפינען!

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **אליהו פדווא** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב**

מוה"ר **יואל געלבמאן** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת אירוסי בתו למזל טוב**

מוה"ר **חיים צבי שווארץ** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **שמעון יום טוב יוזשעף** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

לעילוי נשמת הרה"ח **אברהם מרדכי**
ב"ר **משה חיים** ז"ל **פעלבערבוים**
ששל"ח י"א אלול תשע"ט
תנצב"ה

לעילוי נשמת מוהר"ר **אברהם** ע"ה
ב"ר **משה דוד** הי"ו **געטץ**
לרגל מלאות שנה לפטירתו א' דר"ה תשע"ט
תנצב"ה

---

[נט] עי' ליקוטי מוהר"ן אות פ"ו, ועי' אבני"ה ברזל אות ו'.

[ס] עי' ברכות דף י"ט ע"א.